Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

יז.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## יז.

אין חיימאָוויטשעס וואוינונג איז די געזעלשאַפט אַן איינהייטלעכע, אַן איינשטימיקע. אַלע פאַראַנענע פּאַרטיליקן צוזאַמען דאָס גאַנצע עסנוואַרג, וואָס געפינט זיך אין וואוינונג, און מ׳זעצט זיך אַוועק לייענען עפּעס וועגן דעם „עקאָנאָמישן פּראָבלעם“. אָבער אין דאַווידאָווסקיס וואוינונג איז די „וועלט“ אויפגעפאַסונג אַביסל אַן אַנדערען. דאָרט טיילן זיך די געסט אויף באַזונדערע גרופּעס. אין איינער רעדט מען וועגן די פּראגן, וואס האבן שוין אלעמען דערעסן, און מ׳חזרט איבער צום טויזנט און איינטן מאָל געוויסע מיינונגען וועגן דער באַדייטונג פון די וויסנשאַפטן און פון דער קונסט, וועגן דער ווירקונג פון דער ליטעראטור אויפן לעבן, וועגן די קעגנזאצן און ווידערשפּרוכן, וועלכע זענען פאראן אין לעבן פון דער געזעלשאפט און אין לעבן פון די העכערע מענטשן, וועגן דער דיכטונג-פילאָזאָפיע פון פרידריך ניטשע, וועגן דער טראגיק פון לעבן, וועגן אייביקן לאגוויל, וועגן די דעגענערירטע העלדן, וועגן דער קליינלעכקייט פון מענטשן, וועגן „באלעבאטישקייט“ (דאַ פאַרטשעפּעט זיך דאָס וואָרט „בורזשואַזיע“ אָנם וואָרט „באלעבאטישקייט“...). אין אַ צווייטער גרופּע מעלה-גרהט מען אלטע ביבליאָגראפישע מיינונגען וועגן „מאדערנע“ דערציילונגען, מ׳רעדט וועגן פּיעסן, וואָס מ׳שפּילט אין טעאטער, וועגן דעם שפּילן פון די אקטיאָרן, און ווען מ׳רעדט דאָרטן וועגן יענע „שרעקלעך גרויזאמע געשעענישן“, וועלכע זענען דערמאנט געוואָרן ביי חיימאָוויטשן אין הויז, ווערט דער טאָן נידעריקער און עס לאָזט זיך פילן עפּעס אַ שעמעוודיקייט פון א ספּעציעלן מין. אבער אָפּט שווייגן אלע א לענגערע ווײַלע און ווי יעדער איינער וואָלט מורא האבן אויפצוהויבן זיין

קול, ווי ס׳וואלט נישט כדאי געווען צו באוועגן מיט די ליפן צוליב עפעס, ווייל אלץ איז דאך שוין באוווסט.,. און דאן שוועבט ארום אין דער לופט פון צימער, אין דער וואַרעמער און שטיקנדיקער לופט — אזוי ווייניקסטנס, ווייזט זיך מיר אויס — עפעס א פראגע-צייכן: צו וואס, צו וואס קומען מיר זיך צוזאמען? צי דען צוליב דעם, יעדערער זאל פילן א חוץ זיין אייגענער לאנגווייליקייט איך די לאנגווייליקייט פון אנדערע? אָדער בלויז צו רעדן שלעכטס אויף נישט אנוועזנדיקע און אָנצופאלן מיט גיפטיקן וויץ אויף עמיצן פון די אנוועזנדיקע? מיר האָבן דאָך נישט וואס צו זאגן איינער דעם אנדערן; מיר האלטן זיך דאָך אומזיסט פאר אויסדערוויילטע, פאר „שטרעבנדיקע" צו עפעס העכערס; מיר פארמאגן דאך נישט קיין גאָט, וועלכער זאל אונז פארייניקן און דערהויבן אונזער נשמה, מיר זענען דאָך נישט פעאיק צו שאפן עפעס, קיין געביידע קענען מיר דאך נישט אנלאדענען אויף אונזערע אקסלען, און אויך אונזער „פראטעסט", אונזער „פרעמדקייט", מיט וועלכע מיר גרויסן זיך, זענען אפשר מער גישט ווי א פראדוקט פון אונזער לעבן, וואס גייט אוועק מיט גארנישט, א מיאוס געפיל פון מענער לא-יוצלחס און אייביקע קאליקעס?.. דעריבער איז וואס? וואס?

דאווידאָווסקי אליין שווייגט און נעמט כמעט קיין שום אנטייל אינם גערודער, וואס קומט פאר אין זיין וואוינונג. זיין לאכן — איז א לאכן מיט די אויגן, און דאס איז אויך נישט אָפט. די אריסטאקראטישקייט, וועלכע איז אויף אים אויסגעגאסן, איז א רואיקע און נישט יעדעס אויג דערקענט זי.

ווען די פארזאמלטע ביי חיימאוויטשן זעצן זיך אוועק לייענען, פארלאז איך די וואוינונג און גיי אריבער צו דאווידאווסקין.

קיין ליכט ברענט נישט אין זיין פירקאנטיק צימער. ער ליגט אויף דער סאפע. איך קלאפ אָן, גיי אריין, שטרעק אים אויס מיין האנט מיט א מין פארשטענדיקער פארזיכטיקייט און

זעץ זיך נישט ווייט פון אים. און מיר זיצן ביידע און שווייגן
אין דער פינצטערניש. אבער דאס זעט גארנישט אויס אויס·
טערליש אין אונזערע אויגן, אזוי דארף זיין, אדער, ריכטיקער,
ווי יעדע זאך און באזונדערס ווי מיר אליין, דארף אזוי
נ י ש ט זיין, נאר עס א י ז. ס'איז קאמיש, אבער ס'איז אמת,
אז מיר שפירן ביידע עפעס א נוצן אין דעמדאזיקן זיצן.
כאטש דער באגריף „נוצן” איז ווייט פון אונז בעת מעשה.
מיר שפירן עפעס א גישט·נאטירלעך פארגעניגן. די לבנה לייכט
דורכן פענסטער, אבער ווי דאס וואלט אונז גאָרנישט אנגע·
גאנגען. צומלעצט זיפצן מיר יעדערער אפ פון טיפן הארצן,
און ביסלעכווייז, מיט א מין געהיימע שפרוכן און האלבע
ווערטער, הויבט זיך אן צווישן אונז אן אראפרעדן זיך פון
הארצן, א האלב·שטומע ווידוי וועגן אונזערע נשמה·צושטאנד,
וועגן אונזערע איינדרוקן, וועגן אונזערע „משונהדיקע מא·
מענטן”, און אלץ מיט עפעס א ספעציעלער, וויכטיקער ערנסט·
קייט, וואס לאזט זיך נישט אויפכאפן דורך דער פעדער, און
וואס ווערט באגלייט מיט לענגערן קוקן אין דער פינצטערניש
וואס ארום אונז. און אזוי ציט זיך עס ביי אונז, ביז עס
דערהערן זיך נאענטע טריט. מיר געבן זיך ביידע נישט ווילנ·
דיק א כאפ און זענען א ביסל ענלעך צו אגעליבטן און געליבטע,
וועלכע זענען באהאלטן אין דער געדיכטעניש פון וואלד, בעת
מענטשן גייען פארביי. דאס צימער פילט זיך באלד אן מיט
מענטשן·טומל.

— פאָעזיע! — הערט זיך קליינשטיינס שטימע — א שטיל
זיצן אין דער פינצטער... שיר השירים!..

כּדי דאָס נאַרישע פנים זאָל זיך נישט אָנזען — רייסט
זיך דורך פיסמאַנס זויערע שטימע.

— זאָל זיין ליכטיק! — גיט צו נאָך אַ שטימע.

איינע פון די מיידלעך גייט צו און הויבט אָן אָנצינדן
די לאָמפּ. פיסמאַן כאַפּט אויף, ווען זי ווערט עפעס גע·
שטרויכלט מיט אַ קליינער שטערונג און ער איז צופרידן צו
מאַכן אַ באַמערקונג, אז אַ פרוי בלייבט אַ פרוי. די דאָזיקע

באַמערקונג גיט אַ מעגלעכקייט דער נאַרמאַן זיך צו קלאַגן אויף די מענער, וועלכע פרייען זיך שטענדיק צו רעדן שלעכטס אויפן שוואַכן מין און אָפּצולאַכן פון אים ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס קומט אונטער, איר פנים דריקט אויס צאָרן, פּראָטעסט און חשק — צו האַלטן זיך. חיימאָוויטש גיט אַ פאָר־צונויף טויזנט ווערטער אויף איין מאָל: „בורזשואַזע באַציאונג, נאַטירלעכער אויסוואַל, די אַנטוויקלונג פון דער פאַמיליע, פאַטריאַרכאַלישקייט, קנעכטשאַפט, עמאַנציפּאַציע, פעסימיזם, בורסיפס מגהגים. שאָפּענהויער, ניטשע, בעבעל, ענגעלס, „עקאָ־נאָמישער מאַטעריאַליזם“... אַלס תשובה דערויף שיט יודלינס מויל פערל — און פונדאַנען פאַרנעמט זיך ווידער אַ געשפרעך.

יענע מיני לאַנגע ויכּוחים, וועלכע זענען אָנגענומען ביי אינטעליגענטע מענטשן פון דעם סאָרט, האָבן צום סוף אַ מינוט, ווען די צעקאָכטע דיסקוטאַנטן ווערן פּלוצים אַנט־שוויגן, אינמיטן דעם „דערלויבט מיר“ און יעדערער קערט זיך אָפּ אין אַן אַנדער זייט פאַרשוויצטע, מידע, מיט אַ טרוקן האַלז און מיט אַ ווינטערדיקער פוסטקייט. דאָס גיכע אָנקומען פון דערדאָזיקער מינוט איז אָפּהענגיק, פאַרשטייט זיך, פונם טעמפּעראַמענט פון די דיסקוטאַנטן, פונם אינהאַלט פון דער דיסקוסיע און אויך פון דער אַטמאָספער. ביי דאַווידאָווסקין אין שטוב פלעגט אָט די מינוט זייער גיך אָנקומען.

דאַן פּרובט מען זינגען. ביי חיימאָוויטשן אין שטוב פלעגט עס געלונגען. דאָרט זינגט מען אין כאָר „ביי די ברעגעס פון דער וואָלגאַ“, מ׳זינגט וועגן דער העלדישקייט פון סטיענקא ראַזין און דעסגלייכן, און אַמאָל טרעפט, אַז די נאַרמאַן איז די „חזנטע“ און אַלע ברומען מיט ווי „משוררים“. אָבער ביי דאַווידאָווסקען אין שטוב פלעגט יעדער איינציקער נעמען זינגען פאַר־זיך מיט אַ מין דינער שטילקייט און מ׳פלעגט זינגען איבערהויפּט וועגן האַרץ־געפילן און נשמה־שטרעבונגען. גאָר גיך פלעגן די שטימעס שוואַכער ווערן און אויפהערן... קליינשטיין איילט צו צעמישן די זינגענדיקע דורכדעם, וואָס

ער הויבט אָן זינגען, מיט דער כוונה צו דערצערענען די ציוניסטן״:

„עוֹ־עוֹ־עוֹד לֹא אָבְ־דָה תִקְוָ־תֵ־נוּ...
הַ־הַ־תִּקְוָה הַנוֹ־שָׁ־נָה״

ער טרעפט אָן א בייזערן זיך, אָבער אויך מיט איינשטימענדיק געלעכטער. גאָר גיך הערשט א שטילקייט אין שטוב.

— מיר האָבן קיין שטימע נישט ..

— קיין נייע לידער זענען נישטאָ, און די אלטע זענען שוין דערעסן געווארן...

— ווי אזוי קענען זיין נייע לידער, אז די פויגלען זענען אלטע ?..

— נייע לידער... יאָ... נייע לידער...

א לענגערע שטילקייט.

— רבותי, ווי שפעט איז ?

— ווי שפעט ?

— יאָ.

— צען א זייגער.

— אפשר וועלן מיר גיין שפאצירן...

— שפאצירן... אינדערהאמת'ן... אפשר ?

— „דאס וועטער — אָ !״ — מאכט נאך פיסמאן די שטימע פון א דזשענטלמען און ציט אויס די הענט פאָראויס.

— בכן, אפשר וועלן מיר באמת גיין שפאצירן ?

— קיינער שטערט נישט... ווער ס'וויל, דער קען גיין.

— קליינשטיין ! — דראָען אים אונזערע מיידלעך.

אבער קליינשטיין פאלט ביי זיך נישט אראפ. ער ווייס פון א מיטל, ווי אזוי צו מאכן פריילעך די פארזאמלטע.

— אונזער בוכהאלטער איז דאָך היינט א בעל־שמחה...

— א בעל־שמחה ?

— איר ווייסט דען נישט דערפון ? איר ווייסט נישט ? עי, איר זייט דאָך גאָר עפעס נישט קיין היגע ! טרעפט. אדרבה !

דער פרובט אזוי, דער אזוי. יודלין פרובט טרעפן :

פרייליין אַש, צו וועלכער דער בוכהאַלטער קלעפּט זיך (שטענדיק פלעגט מען אים שטעכלירן מיט דערדאָזיקער מעשה), ענטפערט אים מיט קעגנזייטיקייט, נאָר קליינשטיין שאָקלט מיט׳ן קאָפּ אויף ניין. צומלעצט רופט ער אויס מיט טריאומף:

— ער האט דאך פארלוירן זיין פּאָסטן אין דיענגענאָווס קאנטאָר. א־ך זאל אזוי לעבן. ס׳האט אים נישט געהאלפן זיין ציוניזם... ווי ס׳זאל נישט זיין, איז דאס א קליינער גליק לויט אייער מיינונג?

דער ארויסזאָגער פון דעמדאָזיקן טיפן וויל לאכט זייער א צופרידענער. ס׳איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז מ׳דארף „אויסטרינקען" לכבוד דער מעשה. קיינער פון אונז, א חוץ אפשר פיסמאן, וויל נישט טרינקען ממש, טרינקען טאקי, אריינגיסן אין זיך בראנפן און ביר; און פונדעסטוועגן, באשליסן ביי זיך אלע, אויסער די מיידלעך, וועלכע האלטן פאר אן אלטער פליכט צו פּראָטעסטירן (דערנאָך טרינקען זיי אויך), אז ס׳איז אוממעגלעך נישט מסכים צו זיין, און עטלעכע פון די פארזאמלטע נעמען אפילו אָן דעם „וואונדרבארן פאָרשלאג" מיט א מין געמאכטער באגייסטערונג. „און איך האָב שוין לאנג געמיינט, אז מ׳דארף א מאָל אַ טרינק טאָן ווי ס׳געהער צו זיין!" — גיט עמיצער א זאָג און גיט צו א גאָרנישט זאָגנדיקן „וואס זשע דען" — „טרינקען, צו אלע טייוולען! ווי זשע דען?.. חיימאַוויטש פּרובט, אמת, זיך אנטקעגנשטעלן „דידאָזיקע טרינקעַנישן", אָבער יודלין דערווידערט אים און זאָגט זיך ארויס פאר׳ן פאָרשלאג. דער ציל איז דען דאָס טרינקען? דער ציל איז א העכערער: אריינקומען אין אן אנדער וועלט, געפינען זיך אין אן אנדער שטימונג, זיך פאנאנדערצעטרייסלען און שפירן העלדישקייט און שטארקייט, דאס הייסט... מיט איין וואָרט: אונזער טרינקען איז צוליב... דאס הייסט, כדי אראָפּצווארפן פון זיך די שפלות און די בארעכנטקייט און צו פילן דאס, וואָס ס׳איז נישט איינגעשרענקט אין גרענעצין און שטייט העכער פון אָרט און צייט...

איך הער זיך אפאטיש צו צו זיינע געטאָקטע פראזן וועגן דער פליכט צו זיין א פרייער מענטש און וועגן דעם אויפ-הויבן זיך איבער אָרט און צייט, און אין מיין זכרון שווימט אויף א מטושטשדיק בילד פון דער לעצטער הוליאנקע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן יודלינס וואוינונג, אויך לויט קליינשטיינס פאָרשלאג, ווען דער באלעבאָס פון דער וואוינונג האָט פארלוירן די גוטע לעקציע ביי די דאָבקינס. צום אָנהויב האָט יודלין אויסגעדריקט, כאָטש ער האָט זיך געשעמט, אז מ׳וועט אים חושד זיין אין קארגשאפט און אין מורא-האבן פאר׳ן באלעבאָס, זיין עגערגישע קעגנערשאפט, וועלכע ער האָט אויך דערקלערט מיט געטאָקטע פראזן, אבער סוף פל סוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן, פערשטייט זיך, און ווי ער האָט נאָר אויסגע-טרונקען האט ער פארגעסן צו קוקן אויף דער טיר און צו וואָרענען מיט זיין זיסער שפראך די קאָמפאניע, מ׳זאָל נישט הוליען צו פיל. און איינס אַזייגער נאך האלבער נאכט, ווען פיסמאן האט אנגעהויבן האקן מיט דער פויסט אן טיש און צו שרייען מיט א הייזעריק קול פון א שיכור — דערקענענדיק דורכן רויך, וואָס ביי אים אין קאפ, זיין נארישקייט און מורא-האָבנדיק אין הארצן פאר אירע רעזגולטאטן (זיצן אין דער פינצטער און באצאלן), — אז ער וועט באלד אויסדריקן זיינע געפילן, אז ער וויל זינגען, דאס הייסט, ער וויל צעברעכן די לאמפ וואס אויפן טיש, — האט זיך אין צימער אריינגעריסן מיט א דערשראקן קול, דער באלעבאס אויסגעפוצט אין זיינע ווייסע תחתונים און האָט גענומען שרייען:

— גויים! משומדים! שיכורים! כ׳וועל אייך פון מיין שטוב ארויסטרייבן! איך וויל דאָס נישט האָבן! אפילו איר זאָלט מיר געבן פופציק רובל — וויל איך דאָס נישט... אַ שריפה ווילט איר מיר אָנכאַכן צין מיין שטוב? האָלעדריגעס!.. אויך מיר משכילים... דלפונים!.. אַ, פיסמאַן אויך!.. פע... כ׳וואָלט מיך קיינמאָל נישט גערירט דיך דאָ צו טרעפן... אַ באַלעבאַ-טישער בחור... מ קען זיך דאָך עס גאָרנישט צו גלויבן... טרינקען ווי אַ גוי, ברעכן לאָמפן, אָנמאַכן סקאַנדאַלן... פע...

כ׳וואָלט מיך קיינמאָל נישט געריכט דיך דאָ צו טרעפן... אַ באַלעבאַטישער בחור... מ׳קען זיך דאָך עס נישט צוגלויבן... טרינקען ווי אַ גוי, ברעכן לאָמפן, אָנמאַכן סקאַנדאַלן... פע... אַ באַלעבאַטישער בחור...

יודלינס אַנטקעגנשטעלן זיך, ווייל ער האָט זיך געשעמט צו שווייגן, האָט פארגרעסערט דעם טומל. נישט ער, דער באַלעבאָס, נישט זיינע עלטערן און אבות־אבותיו האָבן נישט געוווסט פון אַזעלכע זאַכן, און ער וויל עס נישט, אפילו מ׳זאָל אים געבן צען רובל פאַר איין אָונט, ער האָט מורא, ער שטוינט. ער גייט אַרויס פון די כלים. ער... ער... אַ פאָליציאַנט וועט ער רופן...

דאָ, נישט ביי זיך אין וואינונג, שטייט יודלין העכער פון אָרט און צייט.

און אָט טראַכט איך ווידער וועגן מיינע באַציאונגען צו „דידאָזיקע טרינקענישן“, וויאַזוי אמאָל, ווען ס׳איז געווען ערשט אַ קליינע צייט נאָך מיין באַקאַנטשאַפט מיט די־דאָזיקע מענטשן, פלעג איך פילן אינם אויסרוף „וויפיט“ („אויסטרינקען“.) עפעס אַ באַליידיקנדיקן פאַרלאַנג זיך אויסצוגלייכן מיט די נישט־יידן, עפעס אַ מין „נאַכמאַלפעווען און זשלבסט פאַרלייקענונג“... און וויאַזוי איך האָב מיך אויסגעלערנט, יעדנפאַלס, אַליין אויך צו פטרן אַפט די לעצטע גראַשנס אויף משקה, וואָס דערוואַרעמט און מאַכט פאַרגעסן; ווי איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט זיך משוגע צו מאַכן, הוליען, וויינען יענץ געוויין, וואָס איך פלעג זיך קינדווייז באַמיען אַרויסצוברענגען, ווען דער עולם פלעגט יום־כפור האַלטן ביי די „הרוגי־מלכות“, מיט איין וואָרט: איך האָב זיך אויסגעלערנט צו זיין נישט אויפרוכטיק און זייער נישט שיין, צו פילן עס און זיך אַליין אָפצונאַרן, צו באַגרייפן אין דער־זעלביקער מינוט אויך מיין אָפנאַרעריי, און נישט געקוקט דערויף איינפופאַלן אין דער נעץ פונם שווינדל און זיך אַליין אַטצונאַרן, אַז איך בין זייער אינטערעסאַנט אין אַזאַ צישטאַנד,

אז אלע פילן דאן די גרויס פון מיין אומגליק, די שווערקייט פון מיינע יסורים, די ווייטיקדיקייט פון מיינע געפילן...

דער וואס טרינקט זיך, כאפט זיך אן אן א שטרוי!-

— ווי נאר מיר, די אינטעליגענטן, קומען שוין יאָ, רחמנא ליצלן, עפעס אויפצוטאָן, עפעס צו... איר פאַרשטייט — הויבט זיך באלד אָן די פילאזאפיע... דאס הייסט... — קלאגט זיך בעת מעשה יודלין — ס'איז אַ חרפה און אַ שאַנד!

— צום טייוול הי פילאזאפיע! — רופט אויס פיסמאַן — ווער גיט געלט? נו, הער ציוניסט, בוכהאַלטער אן א „בוך", ליידיק אויס די טאשן!

— איך זאל אַזוי לעבן, כ'האב נישט... פונוואנען? אפשר וועט מיר עמיצער אויסלייען?

— יודלין, ליי רים! — איז גוזר די עפנטלעכע מייגונג.

— ע־ע, פארוואס עפעס דוקא יודלין? יודלין דער קאַפּי-טאליסט! דאס הייסט... איך האב צוואנציק...

— צוואנציק — זאל זיין צוואנציק! נו ווער גיט נאך, רבותי, ווער נאך?

ארויסדרייעניש, דלות, באמערקונגען, קריטיק, פארמעגן-פראגע, טומל. צולעצט געפינט זיך עפלס איינער אן אנגע-קומענער, וואס האט נאך נישט געפטרט דעם לעצטן גראשן, עפעס אן אלטער חוב ווערט קאָנפיסקירט לטובת הכלל. און אין א שעה ארום — דאס פענסטער איז אפן, דער שווייס רינט, די פיס באוועגן זיך, די קליידער זענען צעקנאָדערט, די הענט שטרעקן זיך אויס צום טיש צו נעמען עפעס עסנווארג מיט א שמייכל פון מאָדנע פאַראַכטונג און מיט אַ ספעציעלער כאַפנדיקער באַוועגונג, און די מיילער רעדן און טרינקען: פאַר דאָס גוטע, פאַר דער גערעכטיקייט, פאַרן פּ־אָטעסט, פאַר דער אומצופרידנהייט, פאַר דער אַרבעט, פאַר דער פאַרניכטונג פון די דעספּאָטן און טיראַנען, פאַר דער פאַרשווינדונג פונם שלעפּטס. היימאָוויטש עסט נישט דעם וואורשט און טרינקט גאָרנישט. ער נוצט אויס די געלעגנהייט, כדי גובר צו זיין מיט זיין גייסט דעם גייסט פון דאַווידאָווסקין (וועלכער באַציט

זיך מיט אַ פולשטענדיקער גלײַכגילטיקייט צו דעם, וואָס קומט פאָר בײַ אים אין צימער) און ער „מאַכט זיך טרינקענדיק" פאַר די אַלע אויבנאויסגערעכנטע זאַכן. קלײַנשטיין זופט אויסטערלישע זופּן און באַמיט זיך צו מאַכן אַן אײַנדרוק מיט זײַן העלדישקייט צו טרינקען. פיסמאַן שאָקלט מיט זײַן קלײַנעם קאָפּ מיט אַ מין ביטערן יאוש, ער קלאָגט, אַז דאָס-דאָזיקע ביר ברענגט נישט קיין היילונג און פאַרגעסונג, און אַז ער טרוימט וועגן אַן אַנדער ביר, אַ שטאַרקערעס דערפון. יודלין האַלט אַ כּוס אין זײַן ציטערנדיקער האַנט און די משקה יסט זיך פון אים צוזאַמען מיטן שטראָם פערדרייטע ווערטער, וואָס גיסט זיך פון זײַן מויל.

— רבותי, רבותי, שווייגט. וואָס איז דער געשריי? איר הערט? איך טרינק... יאָ, איך טרינק פאַרן אידעאַל פון שטאַרקייט. אויב ס'איז דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן... ס'הייסט... יאָ, פאַרן אידעאַל פון שטאַרקייט... דאַווידאָווסקי דערמאַנט אונז דאָס בילד און „פונדעסטוועגן", אבער ער אליין איז נישט „אַזאַ"... איך... איך באַפעל און זאָג: דאַווידאַווסקי דערמאָנט אונז דעם גרויסן און דערהויבענעם רוף, דער צענטראַלן פונקט פון אונזער גײַסטיקן צושטאַנד. אויב ס'איז דערלויבט זיך אַזוי אויסצודרוקן, ס'הייסט... דעם רוף: „און פונדעסטוועגן!"— און ער אליין, דאַווידאַווסקי, האָט אפילו פאַרגעסן דעמדאָזיקן רוף... האָב אים אַ שוואַרץ יאָר! אַזוי באַשלים איך, איך יודלין!.. אַ, וואָס הירזשעט דער אייזל? „אַלע דיכטער זענען פאַלש — און זאַראַטוסטראַ איז אַ דיכטער"... נו?... איך טרינק... חיימאָוויטש, פּייערמאַן, איז דאָך דײַנער אַ גוטער פרײַנט... ניין? חיימאָוויטש, דו טרינקסט אויך! דו טרינקסט נישט... דער פעסימיזם, רבותי, איר הערט, איך זאָג, דער פעסימיזם איז... איז... אויב ס'איז דערלויבט אַזוי זיך אויסצודריקן... יאָ, איך טרייק...

— אָבער טרינק שוין אַ מאָל, טרינק — פאַלט אָן קלײַנשטיין אויף די אַלע, וועלכע שרײַען כּסדר „איך טרינק" און טרינקען נישט.

בכלל באַמערקט זיך אַ באַמיאונג א נ ד ע ר ע אָנצושיכורן. פיסמאַן ברעכט טעלער און גלעזער. עס זעט זיך באַשיינ־פערלעך די דראַמע פון קעץ איינגעבונדענע אין א פינצטערן און פארשמירטן זאַק — אין איר גאַנצער פּראַכט און גלאַנץ. די שפּילערס זענען נאַקעט. — — —

פאַרטאָג קער איך זיך אום צו מיר וואוינונג און אין האַרצן איז בלויז אַ פונק פון פאַרנעפּלטער דערקענטניש, אַז דער קומענדיקער טאָג וועט זיין נישט ערגער פאַר׳ן פריערדיקן.

---